# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהדורת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת ויקהל

# דער הייליגער טאג שבת

**פרנס השבוע**

נתנדב

**לכבוד שמחת הנישואין**

**בבית משפחת קליין - וואלהענדלער**

ויה"ר שהזיווג יעלה יפה ושיזכו לבנות בית נאמן בישראל ולדורות ישרים ומבורכים

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת כי תשא

שנה ג׳

# דער הייליגער טאג שבת

תוכן:

חלק א. אריינגיין אינעם מקדש - חלק ב. אויפבויען דעם מקדש - חלק ג. רשות אריינציגיין אינעם מקדש

## חלק א. אריינגיין אינעם מקדש

### אלעס שטעלט זיך אפ

נאך וואס די אידן האט אנגעהויבן בויען דעם משכן, ווען דער ערשטער שבת איז אנגעקומען, האט משה אויסגערופן א מעלדונג אינעם לאגער פון די אידן. דאס איז געווען געוווג וויכטיג אז ער האט נישט בלויז צוזאמגערופן די נשיאים פון פאלק און זיי געבעטן צו איבערגעבן דעם שליחות צו די אידן: **וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - משה האט איינגעזאמלט די גאנצע עדה פון די אידן (ויקהל לה:א); מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך - יעדער איז צוזאמגערופן געווארן צו הערן משה רבינו׳ס רייד.

וואס האט ער געזאגט? דאס שטייט ביים אנהייב פון די וואכעדיגע סדרה: **וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה לַעֲשֹׂת אֹתָם** - און ער האט געזאגט צו זיי: ״דאס זענען די זאכן וואס דער באשעפער האט באפוילן איר זאלט טון, **שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה׳** - זעקס טעג זאלט איר ארבעטן, און דעם זיבעטן טאג זאל זיין פאר אייך א הייליגקייט פון שבת שבתון צום באשעפער (שמות לה:ב).

דאס מיינט, אז טראצדעם וואס איר זענט פארנומען מיט בויען דעם משכן, טראצדעם וואס איך האב אייך באפוילן, **ועשית**, **ועשית** - ״איר זאלט מאכן דאס פאר׳ן משכן און איר זאלט מאכן יענץ פאר׳ן משכן״ - זענען די אלע אנווייזונגען נאר פאר די זעקס טעג פון די ארבעטס וואך. יום ראשון, זייער גוט - בוי. יום שני, יום שלישי און אזוי ווייטער, גיי ווייטער מיט די געהויבענע ארבעט פון בויען דעם משכן; אבער ווען עס קומט צו דער זיבעטער טאג פון די וואך, שבת שבתון, דארף אלעס קומען צו אן אפשטעל.

## קומען צום משכן

צום ערשטן בליק זעט עס אויס גאנץ אינטערעסאנט - מיר זענען יעצט פארנומען מיט א געוואלדיגער אויפטו פון בויען א הויז וואו דער באשעפער גייט וואוינען! צי זאל דען נישט אלעס אנדערש זיך ריקן אין א זייט פאר אזא וויכטיגע אונטערנעמונג? "ניין," זאגט דער באשעפער, "דער זיבעטער טאג זאל זיין א טאג פון רוה, א טאג פון זיך אפהאלטן פון ארבעטן. זארגט נישט איבער דעם משכן וואס איר בויעט פאר מיר - דער שבת איז א משכן פאר זיך." דאס מיינט, אז יעדער זיבעטער טאג ווען די זון גייט אונטער, גייט דאס אידישע פאלק אריין אין א מקדש וואס איז אפילו חשוב'ער ווי דער משכן וואס איז געבויעט געווארן אין מדבר.

אצינד, שטעלט זיך פאר ווען מיר וואלטן געהאט היינט א בית המקדש אדער מיר האבן געלעבט אין די אלטע צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען אויפ'ן הר הבית און לאמיר זאגן דו וואלטסט זוכה געווען צו קומען אין די עזרה. ווי אזוי וואלטסטו אריינגעגאנגען אין אזא הייליגע פלאץ? דו וואלטסט נישט אריינגעטאנצען אהין - דו וואלטסט אריינגעקומען מיט גרויס פארכט, אזוי ווי דו זאלסט ווען אריינקומען אין א פאלאץ פון א מעכטיגן קעניג.

דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס עס זענען געשטאנען לויים אלס שמירה ארום דעם בית המקדש - צו שאפן אן אטמאספער פון קדושה. ווען איינער האט פראבירט צו צוקומען צום בית המקדש, האבן די שומרים אים געפרעגט, "ביסטו טמא? דו ביסט געווען אין מקוה? האסטו געהאט הזאה אויב ביסטו געווען טמא מת?" קיינער קען נישט סתם אזוי אריינגיין אינעווייניג - מען האט געדארפט אריבערגיין א פארהער  פאר מ'האט געקענט אריינגיין אין די אפטיילונגען פונעם בית המקדש. און דערפאר, ווען איינער איז אנגעקומען צום הר הבית, האט ער עס געטון מיט די גרעסטע פארכט.

## א הייליגע צייט

אלזא, ווען מיר קומען אריין צום שבת איז עס פונקט די זעלבע. דער באשעפער רופט אויס אז די פיר און צוואנציג שעה פון שבת איז א משכן. כאטש ס'איז נישט קיין משכן אין פלאץ; דו קענסט נישט אנווייזן אויף א ספעציפישן פונקט - "דארט איז דער הייליגער שבת" - אבער עס איז א משכן אין צייט.

און דאס איז נישט סתם א שיינע מליצה, א דרש; מיר גייען פאקטיש אריין אין א מקדש. איבער'ן שבת'דיגן טאג זאגן מיר, "**וקדשת מכל הזמנים**" - די שעות פון שבת זענען הייליגער ווי יעדע אנדערע צייט פון יאר, אפילו מער ווי יום כיפור ביי נעילה. דאס איז א חידוש אין די תורה, אז צייט פארמאגט אויך קדושה.

מיר זענען צוגעוואוינט צו דעם געדאנק פון אפטיילן צווישן פארשידענע סארט זאכן און פארשידענע סארט מענטשן, לאזט אונז די תורה וויסן אז אויך ווען עס קומט צו דער ענין פון צייט איז אויך דא אזא זאך אז געוויסע צייטן זענען מער קודש ווי אנדערע. צו דער אומוויסנדער אויג קען עס אויסזען ווי יעדן אנדערן טאג - שבת האט אן אווענט און אן אינדערפרי און א נאכמיטאג פונקט ווי א דינסטאג האט - אבער אייגנטליך איז עס א וועלט פון א חילוק; דער שבת איז מוקדש.

און דערפאר, דאס ערשטע געפיל וואס נעמט דיר ארום ווען שבת קומט צו גיין איז, אז דו ביסט אריין אין א משכן. דו דארפסט האבן א געוויסן וועג פון טראכטן, א געוויסע הכנה פון מחשבות, פאר דו קומסט אריין אין די צייט פון קדושה. דו קענסט נישט אריינקומען אינעם שבת אזוי ווי דו קומסט אריין אין א דינסטאג!

## שבת הכנות

דאס איז דער געוואלדיגער ענין וואס מיר רופן 'הכנה', אנגרייטן. איר געדענקט ווען דער באשעפער האט דערציילט פאר משה אז עס גייט זיין מתן תורה, האט ער געזאגט **וֶהְיֵה נָכוֹן לַבֹּקֶר** - איר זאלט זיך אנגרייטן צום טאג (שמות לד:ב). למעשה, צי האט מען אים דאס געדארפט זאגן? צי האט דען משה נישט געוואוסט צו האלטן די צייט? צי וועט דען משה רבינו שלאפן ווען עס קומט צו מתן תורה? צי וועט ער מאכן א שפאציר אין פארק? זיכער וועט ער זיין אויפ'ן ארט אוןווארטן דארט מיט דאס אידישע פאלק!

דער אנזאג באדייט, אז ווען דער זמן פון קבלת התורה וועט קומען, זאל עס נישט זיין ווי א פלוצלינגדיגע זאך. כדי צו ארויסנעמען דעם גרעסטן פארדינסט דערפון, אדער סיי וועלכער פארדינסט, דארף מען זיין אנגעגרייט. דיין מח דארף זיין אנגעשטעלט אויף דעם; **הִכּוֹן לִקְרַאת אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל** - גרייט זיך צו טרעפן אייער ג-ט, אידן (עמוס ד:יב).

דערפאר ווען עס קומט פרייטאג, לאנג פאר די שקיעה קומט אן, איז שוין די ערליכע עקרת הבית פארנומען מיט גרויסע הכנות - זי קויפט איין און קאכט און באקט און רוימט - זי איז זייער פארנומען. און דער מאן פון הויז איז פארנומען אין פאבריק צו פארדינען געלט אויף די שבת אויסגאבן און באלד ווי ער קען, די פריעסטע וואס זיין באלעבאס ערלויבט, איז ער שוין אינדרויסן פון טיר פונעם פאבריק ארומלויפנדיג צו ערלעדיגן די לעצט מינוטיגע הכנות. אפילו ווען ער קומט שוין אריין דורכ'ן שוועל פון זיין הויז איז ער פארנומען; צום וויינציגסטנס יאגט ער זיך, זיך ארומצואוואשן און איבערטון זיינע קליידער. און אויך די קינדער - אין א אידישע היים זענען אלע קינדער פארנומען ארויסצוהעלפן מיט די שבת הכנות. מיר זענען אלע פארנומען; אלע אידן זענען פארנומען ארומלויפן ערב שבת.

## דער וויכטיגער באשטאנדטייל

אבער זייענדיג אזוי פארנומען מיט די צוגרייטונגען צום שבת, פארגעסן מיר דעם וויכטיגסטער באשטאנדטייל אין די הכנות. ווען די פרוי פון הויז שטייט אין קאך א גאנצן טאג דאנערשטאג אדער פרייטאג צו אנגרייטן פאר שבת, איז אויב וועט זי אויסלאזן, לאמיר זאגן צוויבל, וועט אפשר פעלן אינעם טעם, אבער די אנדערע זאכן וועלן זיין געשמאק. אויב פעלט קארטאפל, קען מען נאך הנאה האבן פון די פלייש. אבער עס איז דא איין זאך וואס אויב לאזט מען דאס אויס, דאן פעלט טעם אין אלעם - און דאס איז די געווירץ פון מחשבה! צו געדענקען אז דו גרייטסט זיך אצינד צו אריינגיין אינעם משכן פון שבת!

דאס איז דער וועג ווי אזוי זיך צו גרייטן צום שבת - דו שטייסט און טוסט וואס דו טוסט, און דו טראכסט, 'איך קען נישט סתם אזוי אריינגיין אין אזא מקדש, אזא הייליגע צייט, אן צו

מאכן די ריכטיגע הכנות.' פראביר צו צולייגן אביסל מחשבה ווען דו קויפסט איין אין גראסערי - עס וועט דיר נישט קאסטן קיין איבריגע געלט - אדער ווען דו רוימסט די הויז אדער דו וואשסט זיך ארום לכבוד שבת; האלט אין קאפ אז דו גרייטסט זיך אריינצוגיין אינעם מקדש פון שבת.

טראכט דערפון ווען דו טוסט זיך אן פאר שבת, 'איך טו זיך אן ספעציעלע בגדי שבת ווייל שבת איז א משכן, און אריינצוגיין אינעם משכן דארפן מיר זיך גרייטן מיט שינוי בגדים, מיט א טויש פון קליידונג.' די גמרא (שבת קיד.) זאגט, **מניין לשנוי בגדים מן התורה** - פון וואו לערנען מיר אין די תורה אז מ'דארף זיך טוישן די בגדים אויף שבת? אלס ענטפער ברענגט נישט די גמרא בלויז א סברא, א געדאנק, אז לכבוד שבת איז שענער צו טראגן פרישע בגדים. ניין! אונזערע חכמים ברענגען דעם פסוק פון **וּפָשַׁט אֶת בְּגָדָיו וְלָבַשׁ בְּגָדִים אֲחֵרִים**. זיי ברענגען א ראי' פון דעם כהן אינעם בית המקדש. איר הערט דעם פארגלייך?! פונקט ווי דער כהן, וואס איידער ער איז אריין אינעם מקדש האט ער געדארפט טוישן זיינע מלבושים, דאס זעלבע איז ביי אונז; איידער מיר גייען אריין אינעם מקדש פון שבת קליידן מיר זיך מיט בגדי שבת. ס'איז א וואונדערליכער לימוד - אום ערב שבת זענען מיר אלע ווי כהנים וואס גרייטן זיך אריינצוגיין אין בית המקדש.

## ארומגענומען מיט קדושה

און ענדליך, נאך אלע דיינע הכנות, קומט דער שבת און אצינד ביסטו גרייט דערפאר. בשעת די זון גייט אונטער זאלסטו נישט לאזן דעם מאמענט פארלוירן גיין. אין די צייט וואס די דיקע וואלקענעס פון די נאכט הייבן זיך אן צו אויסשפרייטן איבער די הימלען און די שטערנס הייבן אן ארויסצוקומען, שטעל זיך פאר ווי די וואלקענעס פון שבת קומען ארויס איבער'ן האריזאנט און הילן איין די וועלט - מיר ווערן ארומגענומען מיט וואלקענעס פון קדושה. איך זאג 'שטעל זיך פאר' אבער דאס איז עס פאקטיש. דער באשעפער שפרייט אויס ארום אונז א שאטן פון קדושה.

דערפאר איז דאס ערשטע געפיל ווען דער שבת קומט - אויב ביסטו אנגעגרייט דערצו - אז דו קומסט אריין אין א מקדש. דו טרעטסט אריין אויף די שפיץ פינגער אינעם שבת. להבדיל אלף אלפי הבדלות אויב דו געדענקסט נאך ווען דו ביסט געווען יונג און ביסט געזעצן אין טיאטער, און איינער איז אנגעקומען שפעט, ער וואקט אריין אויף די שפיץ פינגער - ער וויל קיינעם נישט שטערן פון די הייליגע אויפגאבע פון קוקן א מאווי - איז וואקט ער בהדרת קודש, להבדיל אלף אלפי הבדלות אזוי גייען אונז אריין אין שבת אויף די שפיץ פינגער.

איך רעד נישט יעצט פון די קדושה ווען מ'טרעט אריין אין א שול - דאס איז עפעס אנדערש; מיר רעדן יעצט איבער די קדושה פון צייט. דאס מיינט אז אפילו ווען דו גייסט אויפ'ן גאס, אינמיטן פלעטבוש, און דער פרייטאגדיגער זון גייט אונטער, זאלסטו פילן ווי דו גייסט אריין אינעם מקדש. קוק זיך נישט ארום וואס אלע נאראנים, די אלע בהמות טוען. קוק נישט אויף די שויבן פון די געשעפטן. דו גייסט יעצט אריין אין די קאמערן פונעם מקדש פון שבת; דו טרעטסט אריין אויף די שפיץ פינגער ווייל פאר די קומענדיגע פיר און צוואנציג שעה גייסטו אריבער א קדושה פון צייט.

## שבת שפאציר און שבת געשפרעך

דערפאר זאגן מיר, *'הלוכך תהא בנחת'*. שבת גייען מיר נישט מיט א שנעלן גאנג, נאר מיר שפאנען מיט פאמעליכע טריט און דאס דערמאנט אונז אז מיר זענען כהנים אין בית המקדש וועלכע זענען געגאנגען **עקב בצד גידול** - טריט ביי טריט, ווייל זיי זענען געשטאנען פאר'ן באשעפער. *'שבת היום להשם'* מיינט אז שבת שטייען מיר פאר'ן באשעפער און דערפאר, **הילוכך תהא בנחת'** - שפאנען מיר אנדערש - אויסער אויב מ'גייט צו א מצוה ווי אין בית התפילה אדער צו הערן א דרשה אדער צו לערנען תורה. אבער ווען נישט, **שלא יהיה הילוכך בשבת כהילוכך בחול** - מיר גייען נישט שבת אויף דעם זעלבן אופן ווי מיר גייען אינדערוואכן ווייל מיר שטייען אין אנוועזנהייט פון די שכינה הקדושה.

אצינד קענען מיר בעסער פארשטיין פארוואס אמאל האבן אידן נישט גערעדט צופיל אום שבת קודש. די גמרא זאגט דאס (שבת קיג.) פרייטאג אין אוונט ווען די זון איז אונטערגעגאנגען האבן די מענטשן אויפגעהערט רעדן. איינער פון די חכמים האט געהאט אן אלטע מאמע און זי האט גערעדט. האט ער געזאגט, "מאמע, ס'איז שבת!", האט זי זיך גלייך אפגעשטעלט, זי איז פארשוויגן געווארן. איר הערט דאס? א מענטש האט מער אכטונג געגעבן אויף זיין צינג ווען ער האט געדענקט אז עס איז שבת.

שבת האבן זיי געגעסן, געטרונקען, געזונגען און געלערנט תורה און זענען געווען פרייליך, און גארנישט מער. אודאי האבן זיי זיך געגריסט "א גוט שבת", זיי זענען געווען פריינטליך איינער צום צווייטן, אבער זיי האבן נישט געפלאפלט. זיי האבן נישט גערעדט קיין דברים בטלים. ווי אזוי קען מען דען פלאפלען אין בית המקדש?

## פארכט פאר'ן שבת

ווען עס איז אנגעקומען דער שבת איז אמאל געפאלן א פארכט אויף די מענטשן. פיל מענטשן זענען אינגאנצן אנדערש געווארן שבת. אפילו דער עם הארץ, צומאל דער פראסטסטער און אומוויסנדסטער מענטש, אום שבת האט ער נישט געוואלט זאגן קיין ליגנט. אזוי שטייט געשריבן.

די גמרא (ירושלמי דמאי ד:א) ברענגט אז אום שבת קען מען פרעגן אן עם הארץ איבער זיינע פראדוקטן, "צי האסטו אפגעשיידט מעשר דערפון?" און דו קענסט אים געטרויען אויפ'ן ווארט. דורכאויס דעם וואך האט מען נישט געקענט וויסן אויף זיכער אבער שבת האט מען אים געקענט געטרויען צוליב **אימת שבת על עם הארץ**, דער פארכט פונעם שבת איז געווען אויסגעשפרייט אויפ'ן עם הארץ.

איר הערט וואס עס איז געווען אמאל אן עם הארץ? הלואי זאלן מיר זיין אזא סארט עם הארץ. שבת האט ער מורא געהאט צו זאגן עפעס פאלש. מיר זעען ווי ווייט אמאל איז געווען אויף די מענטשן דער פארכט פון שבת. דאס איז ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי געפינען זיך אין א מקום קדוש. איבער דעם בית המקדש ווערט געברענגט, "דו זאלסט מורא האבן אין מיין מקום קדוש," און אזוי האבן אידישע קינדער מורא געהאט אום שבת.

# חלק ב. אויפבויען דעם מקדש

## 39 מלאכות

יעדער איד וואס האט נאר געלערנט אפילו אביסל תורה איז באקאנט מיט דער ענין פון ל"ט מלכות וואס זענען אסור צו טון שבת. עס איז פארבאטן, מיט אן איסור כרת, צו פלאנצן אדער אקערן אדער איינזאמלען אדער צעמאלן אדער ווינדשויוולען און אזוי ווייטער. עס זענען דא 39 סארט פארבאטענע ארבעט, וואס יעדע איינע האט אונטער זיך תולדות, מיט אן א שיעור פרטים דערצו - עס איז דא מער ווי איין מסכת צו לערנען אויף שבת - און אלע איסורים פון שבת גייען אריין אונטער די 39 אבות מלאכות.

פרעגן די חז"ל, פארוואס רעכנט מען אויס פונקט די 39 מלאכות, פון וואו שטאמט עס? ענטפערט די גמרא אז די 39 מלאכות וואס מען טאר נישט טון שבת לערנט מען ארויס פון די 39 מלאכות וואס מען האט געטון ביים בויען דעם משכן. ווען די אידן האבן זיך גענומען אויספירן דעם באפעל פון באשעפער צו בויען א משכן, האבן זיי געדארפט טון אט די 39 סארט מלאכות צו אויספירן זייער תפקיד. און ווען משה רבינו האט איינגעזאמלט דאס פאלק, ווי עס שטייט אין אנהייב פון די היינטיגע סדרה, זיי צו לערנען איבער דעם משכן פון שבת וואס וועגט איבער דעם משכן פון באשעפער, האט ער זיי באפוילן, על פי ה', זיך אפצוהאלטן פון אט די 39 מלאכות.

פרעגט זיך די שאלה, וואס איז די פארבינדונג פון איינס צום צווייטן? בלויז דערפאר וואס זיי האבן זיך געדארפט אפהאלטן פון די מלאכות אום שבת דאן ווען זיי האבן געדארפט בויען דעם משכן, דערפאר דארף מען אויף אייביג זיך אפהאלטן פון אט די מלאכות אום שבת?

## א וועלט פון בויעריי

און דער ענטפער איז אז עס איז דא א גרויסע פארבינדונג. ווייל די 39 אבות מלאכות סימבאליזירן אלע אופנים פון בויען און ערצייגן וואס איז דא אויף די וועלט. און די שומרי שבת ווייזן צו די וועלט אז: א גאנצע וואך זענען מיר פארנומען מיט ארבעטן, ערצייגן, אבער שבת זאגן מיר צו די וועלט אז מיר פארשטייען אז דאס איז אלעס דמיונות - הקדוש ברוך הוא איז דער איינציגסטער באשעפער.

וואס איז למעשה דער טאג שבת? פארוואס איז עס א '**שבת שבתון**', א טאג פון אפשטעלן אלע ארבעט? דער ענטפער איז אז מיר טוען אויסרופן - מיר מאכן 39 אויסרופן - אז **וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי**, דער באשעפער האט געענדיגט אינעם זיבעטן טאג, **מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה**, די ארבעט וואס ער האט געטון, **וַיִּשְׁבֹּת**, און ער האט אפגעשטעלט, **בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי**. דאס מיינט אז ביים אנקום פון דעם זיבעטן טאג האט זיך דער באשעפער אפגעשטעלט - נאכדעם איז שוין גארנישט באשאפן געווארן. אין דעם טאג האט ער געענדיגט אלע ארבעט **אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת** - וואס דער באשעפער האט באשאפן צו טון.

אלזא, דאס איז שוין ערקלערט געווארן אבער איך וועל אין קורצן עס נאכאמאל אנרירן. **לַעֲשׂוֹת**, "אז ער האט באשאפן צו טון" מיינט אז דער באשעפער האט אלעס באשאפן אזוי אז

פון יעצט אן זאל עס טון אליין. פון יעצט אן פירט זיך די וועלט אזוי אז עס זעט אויס ווי אלעס טוט זיך אליין. אלע חיות טוען זיך פארמערן, די געוואוקסען טוען זיך פארמערן. די וואסער פון די ימ'ען ווערן פארוואנדלט אין וואלקענעס און רעגן און די טייכן פירן צוריק די וואסער צו די ימ'ען און עס הייבט זיך אן פון אנהייב. אויך מיר מענטשן זענען אין שוואונג, מיר זענען טוערס - עס זעט אויס ווי מיר באשאפן אליין. אלעס זעט אויס ווי גלייך אז פון נאך וועלט באשאף גייט עס פון זיך אליין ווייל דער באשעפער באווייזט זיך מער נישט אפן.

## אלעס איז גארנישט

און דא קומען מיר צום מקדש פון שבת און מיר געבן אויף אלע אונזערע באשעפטיגונגען און נעמען די צייט צו אריינטראכטן: צי גייט עס טאקע פון זיך אליין? זיכער נישט. מיר גייען צוריק צו די תורה און לערנען אז **בראשית ברא אלקים**; דער שבת דערמאנט אונז פון דעם פאקט אז אמאל איז נישט געווען קיין וועלט. עס איז בלויז געווען א גרויסע וויסטעניש. איין גרויסער נול. 'אָיִן', גארנישט. און דער באשעפער האט אלעס באשאפן פון גארנישט, נאר זיין ווארט, '**ויאמר אלקים יהי**'.

אבער דאס איז נאר דער אנהייב פון די מעשה. ווייל דער אמת'ער לימוד פון בראשית איז, אז אויך היינט איז די וועלט גארנישט. אויב מיר וואלטן געהאט צייט, וואלטן מיר געקענט ערקלערן ווי אזוי יעדער מאטריאל אין די וועלט איז באמת גארנישט. האלץ איז גארנישט און מעטאל איז גארנישט. עס איז גארנישט אויסער ענערגיע כוחות. די ענערגיע כוחות דרייען זיך ארום דעם צענטער (nucleus) פון יעדן אטאם אין אן אנדערן וועג; דאס איז וואס מאכט גאלד אנדערש פון מעטאל, און מעטאל איז אנדערש פון גאז. אבער פאנדומענטאל זענען גאלד און גאז און מעטאל אלעס איינס. עס איז אלעס ענערגיע - די גאנצע וועלט איז גארנישט בלויז באוועגונגען - נאר ס'איז צו קליין צו זען מיט אונזערע אויגן. אבער אויב מיר וואלטן געהאט א מיקראסקאפ וואס איז גענוג גרויס אזוי אז מיר זאלן קענען זען ווי אזוי די עלעקטראנען ריקן זיך, וואלטן מיר געזען אז אלע געגנשטאנדן זענען גארנישט אויסער באוועגונגען.

און אויב מיר זאלן קענען מאכן די עלעקטראנען זאלן זיך אפשטעלן, וועט די גאנצע זאך צוזאמפאלן; נישט אויף שטויב - עס וואלט צוזאמגעפאלן אין א גארנישט בכלל. קומט אויס, די גאנצע וועלט איז 'אָיִן', אפילו שוין יעצט איז די גאנצע וועלט גארנישט, בלויז דאס ווארט פון באשעפער. ער האט ארויסגעגעבן דעם באפעל, "זאל זיין!" און עס איז געווארן. ער האט באפוילן די ענערגיע כוחות זאלן קומען צום עקזיסטענץ און עס האט זיך אנגעהויבן ריירן, ארומדרייען און רודערן און אזוי זענען אלע געגנשטאנדן געקומען צום עקזיסטענץ.

## דער גרויסער פופעט שאו

דאס איז איינע פון די געוואלדיגע יסודות פון שבת; די וועלט איז באשאפן געווארן פון גארנישט און אויך היינט איז גארנישט דא אין די וועלט אויסער דער דבר ה', דאס ווארט פון באשעפער. **בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ** - מיט'ן ווארט פון באשעפער איז אלעס געמאכט געווארן (תהלים לג:ו) און אויב ער זאל צוריקציען זיין ווארט, ער וועט אוועקנעמען זיין רצון דערפון, וועט

אלעס צוזאמפאלן צוריק צו איין גרויסער גארנישט, איין גרויסע וויסטעניש פון ליידיגקייט.

דאס איז איינע פון די געוואלדיגע ענינים פון וואס מיר דארפן טראכטן שבת. יעדן שבת באפעסטיגן מיר דעם גרויסן יסוד אז כאטש עס זעט אויס אז דער נאטור פירט זיך אליין אבער אין אמת'ן איז דער באשעפער נאך אלץ דארט; אלעס וואס מיר זעען איז בלויז א דעמאנסטרירונג פון זיין ווארט און פונקט ווי ער האט פון אנהייב אלעס קאנטראלירט אין די זעקס טעג פון וועלט באשאף, טוט ער נאך אלץ ציען די שטריקן - ס'איז ווי א מענטש וואס פירט א פופעט שאו (פינגער מענטשעלעך שפיל); די גאנצע וועלט איז גארנישט מער ווי א פופעט. דער גאנצער נאטור פירט זיך בלויז לויט זיינע באפעלן.

און דאס איז וואס מיר דארפן פארשטיין שבת. מיר רוען ווייל מיר ווילן זיך דערמאנען אז נישט קיין חילוק ווי אזוי עס זעט אויס פונדרויסן, ווערט נאך אלץ אלעס געפירט אויסדריקליך דורכ'ן באשעפער, גארנישט וויניגער ווי עס איז געווען בשעת די זעקס טעג פון וועלט באשאף. די 39 סארט מלאכות וואס מיר טוען נישט זענען א באוויז דעמאנסטרירונג פונעם שבת; 39 באזונדערע דעמאנסטרירונגען אז מיר טוען גארנישט ווייל ער איז דער וואס טוט אלעס!

## דעמאנסטרירונגען מיט כוונה

דרך אגב, ס'איז א גוטע זאך צו טראכטן איבער דעם שבת. ווען דו גייסט פארביי א לעקטער, קענסטו צולייגן אביסל מחשבה: "די סיבה פארוואס איך צינד נישט אן / לעש נישט אויס דעם לעקטער איז ווייל איך מאך א דערקלערונג אז דער באשעפער איז דער בורא." דו קענסט עס נישט טון יעדע מאל? גוט, אבער עטליכע מאל קענסטו געדענקען.

אלזא, דער אמת איז אז דו טוסט עס סייווי - דורך זיך אפהאלטן פון טון א מלאכה ווערט אויטאמאטיש אויפגעבויט דער מקדש פון שבת. אבער עס איז א גרויסער חילוק אין די קוואליטעט פון די בויאונג ווען דו טוסט עס מיט כוונה; מיט מחשבות פון וואס דו פראבירסט צו בויען.

דערפאר, ווען עס פאלט דיר עפעס איין אום שבת וואס דו וואלטסט זייער געוואלט ארפשרייבן, צום ביישפיל חידושי תורה, אבער דו האלטסט זיך אפ ווייל ס'איז שבת, אדער דו באטאפסט דיינע טאשן פרייטאג צונאכטס פאר'ן ארויסגיין צום שול כדי דו זאלסט נישט טראגן אויפ'ן גאס אום שבת, זאלסטו אויסניצן די דאזיגע מינוטן. זאלסט נישט בלויז טראכטן אז עס איז אסור. אה ניין! ס'איז פיל מער ווי דאס! לייג צו מחשבה: 'איך שרייב נישט היינט אדער איך טראג נישט אין א רשות הרבים ווייל דער היינטיגער טאג איז געאייגנט אויף צו בויען דעם שבת. איך קען יעצט נישט זיין פארנומען מיט א מלאכה; איך האב יעצט א געוויסע מאס פון צייט, 24 שעה, ווען איך האב פיל וויכטיגערע ארבעט צו טון; וויכטיגערע זאכן צו בויען.'

## בויען אום שבת

ווען נאר דו קומסט צו א געלעגנהייט זיך אפצוהאלטן פון א מלאכה אום שבת, אויב ווערסטו

צולייגן די מחשבה אז דאס איז א דערקלערונג אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט פון גארנישט און ער טוט נאך ווייטער באשאפן די וועלט - ער איז נאך אין פולסטן קאנטראל - דו בויסט דעם שבת געבוי אין דיין קאפ. בשעת וואס אום שבת פאבריצירן מיר גארנישט פון וואס מיר קענען זען, זענען מיר אייגנטליך זייער פארנומען מיט בויען אום שבת. מיר בויען א משכן אין אונזערע קעפ; מיר מאכן א שבת קאפ.

אין די זמירות פון שבת זינגען מיר ווי פאלגנד: **דְּעֶה חָכְמָה לְנַפְשֶׁךָ** - ווייס די חכמה פאר זיך, **וְהִיא כֶתֶר לְרֹאשֶׁךָ** - דאס וועט זיין א קרוין אויף דיין קאפ, **נְצוֹר מִצְוַת קָדְשֶׁךָ** - היט דעם באפעל פון דיין הייליגער. און דער סוף פון דעם שטיקל איז אן ערקלערונג אויף די ערשטע ווערטער: ווי אזוי וועסטו וויסן די חכמה פאר דיר? ווי אזוי וועסטו קונה זיין די חכמה וואס וועט זיין א קרוין אויף דיין קאפ אין עולם הבא? **שְׁמוֹר שַׁבָּת קָדְשֶׁךָ** - דורך היטן ריכטיג דעם שבת.

## קונה זיין דעם קרוין

אלזא, דאס מיינט נישט בלויז צו זיין א שומר שבת - אודאי דאס אליין איז מורא׳דיג חשוב אבער עס איז נישט גענוג, אויב ווילסטו קונה זיין א קרוין פאר זיך. א קרוין מיינט דעת; ווי מער דעת דו ביסט קונה אויף די וועלט אלס מער ביסטו מצליח, ווייל לויט די קוואליטעט פון דעם קרוין פון דעת וואס דו ביסט קונה אויף די וועלט, אזויפיל וועסט קענען געניסן פון די גלארייכע מראה פון די שכינה הק׳. איז אויב דו ביסט קונה תורה אין קאפ, דאן ביסטו אנגעגרייט צו געניסן פון פרייד אין עולם הבא. וואס מער א תורה קאפ, אלץ מער פרייד.

און שבת איז איינע פון די געוואלדיגע געלעגנהייטן צו קונה זיין דעת אויף די וועלט. וואס איז דער ענין פון שבת; צו עסן טשאלענט? צו כאפן א דרימל? דאס איז גוט אבער ס׳איז נישט דער צוועק. די נקודה פון שבת איז צו קונה זיין א מח!

און דערפאר איז שבת א צייט צו טראכטן פון באשעפער; אלעס איז דער באשעפער - דאס איז דער נומער איינס מחשבה פון שבת. ס׳איז א הערליכער געדאנק וואס מיר דארפן הארעווען אונזער גאנץ לעבן כדי צו קונה זיין אביסל פון די השפעה דערפון. ווען נאר דו זעסט עפעס אין די וועלט, איז עס בלויז א דמיון. דו זעסט אייגנטליך דעם רצון פון באשעפער. דער געדאנק איז אן אמת׳ע דערגרייכונג; מער ווי צו גיין אין שול, מער ווי די פרישע קליידונג און געפוצטע שיך.

## נעם זיך צו די עבודה!

איז דען נישט א שאד אז אידן וואס זענען שומרי שבת טראכטן נישט איבער דעם? אויב איך קוק אויף אייך, זע איך דעם באשעפער. איר זענט א באוויז אויף זיין רצון. דו זעסט דעם הימל? דו זעסט א בוים? עס איז גארנישט אויסער א צייכן פון באשעפער׳ס רצון. פראביר צו טראכטן די מחשבה פון צייט צו צייט; עס זענען נישטא קיין בענק. עס זענען נישטא קיין ווענט. עס איז נישטא קיין דאך. עס איז בלויז דער דבר ה׳. אויב קענסטו טראכטן פון דעם פאר איין מינוט אין א צי, דו ווייסט דאס דעם שבת, כאטש איין מאל אין דיין לעבן, האסטו עפעס

דערגרייכט מיט'ן שבת. אויב קענסטו דאס טראכטן מער ווי איין מאל, ביסטו א קלוגער מענטש.

לאמיר זאגן, דעם קומענדיגן שבת ארבעטסטו אויף דעם, דו וועסט אראפנעמען איין מינוט צו טראכטן אז פריער איז עס געווען 'אַיִן', גארנישט. אויב קענסטו דאס טראכטן פאר צוויי מינוט, לאמיר זאגן איין מינוט פרייטאג צונאכטס און איין מינוט שבת אינדערפרי, די גאנצע פאמיליע רעדט, זיי זענען פרייליך - איך האף אז דו ביסט אויך פרייליך - אבער דערביי טראכסטו, 'איך דארף ערפילן מיין תפקיד פון שבת, "**זכר למעשה בראשית**".' איז אין די צייט וואס זיי רעדן, ווייסן זיי נישט וואס טוט זיך אין דיין קאפ און דו טראכסט, 'דער באשעפער האט באשאפן די וועלט פון גארנישט! **יש מאין**!' אה, דו ערפילסט איינע פון די גרעסטע סיבות צום שבת. און ווי אפטער דו טראכסט דערוועגן, אלץ מער ביסטו קונה א קרוין אויף דיין קאפ; דאס איז **דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך** - דיינע מחשבות ווערן א קרוין פון חכמה אויף דיין קאפ אין די צייט וואס דיין קאפ ווערט א שבת קאפ.

# חלק ג. ארייינגיין אינעם מקדש

## דער שבת גוי

איך בין אמאל געזעסן אין ישיבת חיים בערלין אין מיין אפיס ווען איינער האט געקלאפט אויף מיין טיר. איך האב געעפנט און דארט איז געשטאנען א גוי מיט א מוזיקאלישער באנזשא אויף זיין רוקן.

איך האב אים געפרעגט מיט וואס איך קען אים העלפן זאגט ער מיר אז ער וויל ווערן א איד און איינער האט אים געגעבן מיין נאמען. "איך היט שוין שבת," האט ער געזאגט, אבער איך בין אויפגעשפרונגען, "אוי ניין! טו דאס נישט - ס'איז א סכנה זיך צו פירן אזוי אויב ביסטו נאכנישט א איד!" עובד כוכבים ששבת חייב מיתה - אויב א גוי היט שבת דארף ער גע'הרג'ט ווערן.

"איז וואס זאל איך טון?" האט ער געפרעגט, האב איך אים געזאגט אז יעדן שבת זאל ער כאטש איין מאל אנצינדן א לעקטער; כאטש איין מאל, צו ווייזן אז דו היטסט נישט שבת.

## נישט ארייינגיין

די הלכה, דארפט איר פארשטיין, איז נאך א דערקלערונג אויף דעם וואס מיר האבן געזאגט ביים אנהייב פון אונזער שמועס, אז שבת איז א מקדש - און דער ערשטער כלל פון א מקדש איז אז עס איז געאייגנט בלויז פאר די וועלכע זענען ערלויבט אריינצוקומען. דער שבת איז נישט אפן פאר סיי ווען וואס וויל אריינגיין פון זיין אייגענעם ווילן.

עס איז אזוי ווי דער בית המקדש - איר ווייסט, אינדרויסן פון בית המקדש זענען געווען טאוולען אין לאטייניש און גריכיש אויף וועלכע עס זענען געשטאנען, "יעדער גוי וואס קומט אריין וועט גע'הרג'ט ווערן." אויב די כהנים וואלטן געכאפט א גוי אין די פארבאטענע

אפטיילונגען וואלטן זיי אים ארויסגעפירט פון די עזרה און אפגעהאקט זיין קאפ מיט גזרי עצים, שטיקלעך האלץ. זיי וואלטן צעשפאלטן זיין קאפ. און די רוימישער רעגירונג וואלט דאס צוגעלאזט. אפילו די רוימער האבן פארשטאנען אז זיי האבן נישט קיין רעכט ארייינצוגיין אין בית המקדש.

די זעלבע זאך איז אויב א גוי וויל היטן שבת; ער טרעט אריין אין הייליגע טעריטאריע. עס איז ווי איינער וואס איז קיינמאל נישט געגאנגען צו קיין מעדיצינישע שולע אדער ער האט נישט דורכגעמאכט די פארהערן און ער האט נישט באקומען קיין דאקטאראט באשטעטיגונג דורך די שטאטישע רעגירונג, אבער ער וויל זיין א דאקטער, לייגט ער ארויס א טאוול און עפנט א קליניק. ער איז עובר אויפ'ן געזעץ און ווערט ארעסטירט ווערן דערפאר.

א גוי האט נישט באקומען קיין באשטעטיגונג צו היטן שבת און דערפאר, אפילו היינט, איז א גוי וואס היט שבת חייב מיתה. מיר פירן עס נישט אויס אויף אים אבער דער באשעפער וועט אים מסדר זיין. ער האט נישט קיין רעכט זיך צו באניצן מיט דעם קרוין פון כבוד וואס איז פארהיטן נאר פאר דאס אידישע פאלק.

## די צווייטע לערע

און דאס ברענגט אונז צו נאך א וואונדערליכער געדאנק; ס'איז א געוואלדיגע שבת לערע וואס איז געבויט אויף דער לימוד פון בראשית ברא אלקים, אז אלעס אין די וועלט ווערט יעצט באשאפן דורכ'ן באשעפער. די צווייטע לערע איז, 'בראשית' - **בשביל ישראל שנקרא ראשית.** די וועלט וואס דער באשעפער באשאפט יעצט ווערט באשאפן פאר דאס אידישע פאלק!

אלזא, ווי מאדנע דאס הערט זיך צו אמעריקאנער אויערן - און מיר אלע האבן אמעריקאנער אויערן; די בעסטע פון צווישן אונז האבן אמעריקאנער אויערן - מוזן מיר זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאנק ווייל עס איז א לערע פון די תורה. צי עס געפעלט אייך דער געדאנק אדער נישט, געוואוינט אייך צו דערצו ווייל דאס איז דער יסוד פון אידישקייט. און דערפאר, אלס טייל פון דער שבת מח וואס מיר בויען יעדן שבת, איז דער בליק אז די וועלט איז באשאפן געווארן פאר אן ערליכע פאלק און עס איז געוועזן אונזער פאלק וואס זענען ארויסגעטרעטן און אנגענומען די ראלע.

## צוויי טיילן

איז האבן מיר דא צוויי טיילן צום שבת. איין טייל איז בריאת העולם יש מאין, די באשאפונג פון גארנישט - אז עס איז דעם באשעפער'ס ווארט אליין וואס מאכט די וועלט עקזיסטירן און אז סיי וואס מיר זעען איז בלויז דער דבר השם אריינגעברענגט אין א ממשות; אלעס איז זיין ווארט, זיין רצון, קריסטאליזירט אין געוויסע פארעמס פון טאפעדיגע מציאות און באוועגונגען.

אלזא, דאס אליין איז אזא וואונדערליכער געדאנק אז מיר מוזן פארברענגען שבת נאך שבת צו טראכטן פון דעם. אבער מיר לערנען יעצט אז שבת איז נישט בלויז א פייערונג אויף די באשאפונג פון די וועלט; שבת לערנט אונז אז מיר זענען די סיבה פארוואס די וועלט איז

באשאפן געווארן. עס דארף זיין א פאלק וואס וועט זיך איינגאנצן אוועקגעבן פאר'ן באשעפער; דאס איז די סיבה פארוואס די וועלט איז באשאפן געווארן. און אט דאס פאלק זענען מיר. מיר זענען אויסדערוועלט געווארן דורכ'ן באשעפער אויף אייביג.

אצינד, לאזט די פעלקער אין די וועלט מאכן א גערואלד און לאזט זיי שרייען; לאזט זיי שפעטן - עס מיינט גארנישט; זיי זענען גארנישט, בלויז וואסער וואלן וואס שווענקען אפ דעם בארטן און דאן גייט עס צוריקוועגס; דער בארטן פארבלייבט שטענדיג. זיי קענען זיך נישט אפרעדן - אויב זיי ווילן, האבן זיי די מעגליכקייט; די טירן זענען אלעמאל אפן פאר זיי צו נעמען אויף זיך דעם גאנצן אחריות פון דאס וואס דער שבת ענטהאלט. "אבער אויב זיי ווערן נישט א טייל פון מיין פאלק," זאגט דער באשעפער, "דאן האבן זיי נישט קיין צוטריט צום בית המקדש פון שבת."

## די ברכה פון ארבעטן

נישט נאר וואס דער גוי האט נישט קיין צוטריט; עס איז געפארפול פאר זיי. פאר א גוי, איז פרייע צייט א סכנה. די בעסטע זאך פאר א גוי איז צו זיין פארנומען. א גוי ביי די ארבעט קען זיין אן אנשטענדיגער מענטש. אבער אין אווענט ווען ער ענדיגט די ארבעט און ער זיצט אויף זיינע טרעפ, דאן דארף מען זיך אכטונג געבן פון אים.

מען זעט דאס קלאר אויף די גוים ארום אונז; ווען עס קומט סוף וואך און זיי האבן פריי פון די ארבעט, דאן פאסירן פיל מער קרימינאלע פארברעכנס ווי מען זעט א גאנצע וואך. זיי קומען זיך צוזאם אין די רעסטוראנטן און שיסן זיך איינער דעם צווייטן. זיי שטעכן זיך מיט מעסערס איינער דעם צווייטן ביי פארטיס. ווען מ'זעט דריי אמבולאנסן איילן זיך אראפ די גאס איינער נאך די צווייטע אויף א זונטאג, ווייסטו אז דאס איז דער סוף פון א פאטריקאנישע חתונה.

און דערפאר האט דער באשעפער געזאגט צו די גוים, "איר זאלט נישט היטן שבת." **יוֹם וָלַיְלָה לֹא יִשְׁבֹּתוּ** - זיי זאלן זיך קיינמאל נישט אפשטעלן. נישט נאר די גרויסע גוים. זייערע אלע קינדער זאלן אויך גיין צו די ארבעט. אנשטאט צו גיין אין סקול זאלן זיי באקומען ארבעט אין פאבריקן. די סקול געבט זיי נאר פארטייבונגען און וואנדאליזם און הפקרות; יעדע סארט פון שלעכטס לערנען זיי אין די פאבליק סקולס. עס וואלט געווען א ברכה אויב די אלע קינדער וואלטן געגאנגען ארבעטן יונג.

אזוי איז אין מעקסיקא. די קינדער אין מעקסיקא ארבעטן און זיי זענען אנשטענדיגע אינגלעך און מיידלעך צוליב דעם. וואס פאסירט דערנאך? זיי ווערן קרימינאלן. זיי גייען צו סקול און ווערן רואינירט דורך די אמעריקאנער. דאס איז די סיבה פארוואס די גוים האבן נישט קיין צוטריט צו דעם שבת מקדש. **גדולה מלאכה** - א זיבן טאגיגע ארבעטס וואך; דאס איז די גרעסטע ברכה פאר די אומות העולם.

## א טאג פון התבוננות

און אזוי, ווען שבת קומט ארבעט די גאנצע וועלט. דער נאטור ארבעט. די גוים ארבעטן -

אדער כאטש דארפן זיי ארבעטן. אבער די בני ישראל - די וועלכע פארשטייען אז שבת איז א מקדש - מיר זענען באפרייט פון אלע ארבעט. ס'איז א גרויסע זכי', **ביני ובין בני ישראל!**

אבער עס איז אויך א גרויסע אחריות. ווייל שבת מיינט נישט צו זיצן אנגעלאנט און גארנישט טון. עס מיינט נישט אז מ'טוט זיך אן די נאכט קליידער און מ'לייגט זיך אריין אין בעט אויף גאנץ שבת. מיר זענען פריי פון ארבעט ווייל אונזער אויפגאבע אום שבת איז צו ניצן אונזער קעפ.

שבת איז א טאג פון וויסנשאפט. שבת איז א טאג ווען דו ביסט נישט פארנומען, ווען דו ביסט נישט פאריאגט און דו האסט די געלעגנהייט צו טראכטן אביסל. און אזוי גייען מיר אריין אין דעם בית המקדש און מיר פארברענגען מיט עונג שבת אין א גוטע גיסטע. מיר זענען פרייליך און מיר האבן נישט קיין לאנגווייליגע אויפגאבעס צו טון; עס איז א רואיגע צייט און דאס מיינט אז דער טאג האט די מעגליכקייט צו ווערן געהייליגט פאר'ן באשעפער. **שבת היום לה'.** דאס איז דער געדאנק פון שבת - איך ווייס אז עס קען פאלן ווי אן עול אויף מענטשן וועלכע האבן נאר ליב צו פארברענגען שבת; זיי ווילן נישט זיין פארנומען מיט בויען דעם שבת מח - אבער דאס איז וואס דער שבת איז באמת.

## דיין געלעגנהייט צו שיינען

דאס איז ווי אזוי אידן פייערן דעם שבת; די וויכטיגסטע פון אלע פליכטן פון שבת איז צו פארעמען א תורה קאפ. סיי וואס דו וועסט טון איז ווערד - אפילו אויב דו וועסט אריינטראכטן אינעם שבת פאר איין מאמענט צווישן איין מאכל און דער צווייטער, אין די צייט וואס דיין ווייב ברענגט אריין דעם קומענדיגן מאכל, איז עס אויך ווערד. און ווי מער דו קענסט אויסניצן דעם שבת, אלץ גרעסער ווערסטו.

און בשעת דו זיצט דארט און טראכסט, שיקט דער באשעפער זיינע ברכות אויף דיר. און פון אלע ברכות פון שבת איז די גרעסטע ברכה די הצלחה פון אויסארבעטן דעם קאפ, דורך צולייגן גוטע מחשבות וואס ברענגען דעם איד צו לעבן ערפאלגרייך אויף די וועלט.

ס'איז נישטא עפעס בעסערס ווי טראכטן שבת. אפילו אויב דו האסט איין מינוט צו צולייגן צו דיין זאפאס פון פארשטאנד, כאפ זיך צו דערצו; **דעה חכמה לנפשך** - ווייס חכמה פאר דיר. ווייס חכמה! ס'איז פאר דיר! חכמה איז אן אייגנטום וואס וועט בלייבן דיינס אויף אייביג. **וְהִיא כֶתֶר לְרֹאשֶׁךָ** - די אלע שבת מחשבות ווערן א קרוין אויף דיין קאפ.

איין טאג וועט עס פארוואנדלט ווערן אין אווירקליכן קרוין, א פראכטיגער קרוין. דו וועסט איין טאג זיצן אין גן עדן ביי א גרויסן נצחיות'דיגן באנקעט און דער קרוין פון חכמה וואס דו האסט קונה געווען אויף די וועלט דורך טראכטן אום שבת, וועט זיין אויף דיין קאפ אויף אייביג און אייביג. דאס איז די גרויסע הצלחה פון איינער וואס ווייסט אז שבת איז א מקדש.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

**שאלה:**

**פארוואס לאזן די ציונים מער ווי א האלב מיליאן רוסישע גוים אריינקומען אין ארץ ישראל אלס פאלשע אידן?**

**תשובה:**

דו וועסט זיי דארפן שרייבן א בריוו און פרעגן. דאס איז וואס איך האב געטון.

אבער דאס דארף מען וויסן אז זיי טוען גארנישט אליין. דער באשעפער טוט עס כדי אונז צו לאזן וויסן - עס צו מאכן אויסדריקליך קלאר פאר אונז - די ציונים פראבירן צו אונטערברענגען דאס אידיש פאלק.

איר דארפט וויסן, אז ווען רשעים האבן די מאכט, ברענגען זיי א חורבן אויף די וועלט. דאגעגן ווען צדיקים האבן די מאכט, דאן איז אלעס אין ארדענונג. עס איז וויכטיג מיר זאלן וויסן אז רשעים מאכן חרוב די וועלט. זיי מאכן חרוב די וועלט אויך אין אנדערע וועגן - פיל אנדערע וועגן. ס׳איז נישט נאר דאס אליין אז זיי פארפלייצן ארץ ישראל מיט גוים. זיי טוען שרעקליכע זאכן אין ארץ ישראל. וואס די כנסת האט לעצטנס געטון - איך וויל נישט רעדן דערפון אין די עפנטליכקייט ווייל געוויסע זאכן זענען נישט גענוג איידל צו רעדן דערפון אין די עפנטליכקייט. אבער די זאכן וואס זיי האבן געגעבן רשות צו טון - די געפערליכע זאכן וואס זיי האבן געמאכט לעגאל - דאס איז רואינירונג. פאר אונז איז די לערע פשוט. ס׳איז וויכטיג פאר אונז צו וויסן - אמת׳דיג אנערקענען - אז די רשעים זענען משחיתים. זיי מאכן חרוב די וועלט.

און דערפאר, ווען איר דאוונט שמונה עשרה, לייגט צו כוונה ביים זאגן **וְלַמַּלְשִׁינִים אַל תְּהִי תִקְוָה, וְכָל הַמִּינִים כְּרֶגַע יֹאבֵדוּ**, ווען איר זאגט די ווערטער, זאלט איר טראכטן, "באשעפער, ביטע מאך צעניכט די 'מרץ פארטיי'." דער באשעפער זאל חרוב מאכן דעם בג"ץ - דער העכסטער געריכט. דער באשעפער זאל פארטיליגן - איך וויל נישט אויסרעכענען די נעמען פון די רשעים אבער דער באשעפער זאל זיי אלע פארטיליגן.

און זאגט עס מיט כוונה - מיט אמת׳ע געפיל. און דאס איז אלעס וואס דו קענסט יעצט טון. דאס און אויך שטיצן די ישיבות אין ארץ ישראל.


- להחזיר עטרה ליושנה -

**מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד׳יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין**

**הלכות ושאלות ענינים**

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**

צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אוטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985